No.
9-10
(49 - 50)
סעפּטעמבער
אָקטאָבער
1957
פינפטער יאָרגאַנג

אילוסטרירטע
# ליטעראַרישע בלעטער
חודש־שריפט
פאַר ליטעראַטור
קונסט טעאַטער
און פילם
בוענאָס־איירעס

## פייערלעכער קבלת־פּנים פאַר ה. לייוויק

### איינגעאָרדנט דורכן קולטור־קאָנגרעס און יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק

### צו זיין צוריקקומען פון דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים

דער אלוו. יידישער קול־טור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט צוזאמען מיטן יידישן פּען־קלוב איינגעאָרדנט א פייערלעכע אויפנאמע פארן דיכטער און דראמאטורג ה. לייוויק צו זיין צוריקקומען פון ישראל, וווּ ער האָט אָנטיילגענומען אין דער אי־דעאָלאָגישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים. זיין ווירדיקע און געוואַגטע איינדרוקפולע רעדע האָט געפינען א ברייטן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער יידישער וועלט, ווי דאָס מאָנענדיקע קול נישט בלויז פון אונדזער דור, נאָר פון דורות יידיש לעבן אין די תפוצות, וועמענס געשיכטע איז פּונקט אזוי העלדיש און שיין, ווי די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין די צייטן פון תנך.



פּרעזידיום פון קבלת־פּנים פאַר ה. לייוויק. ס'זיצן (פון רעכטס צו לינקס): ה. בעזי, ס. דינגאָל, א. אויערבאַך, ד"ר שלמה ביקל — פאָרזיצער, יעקב פּאַט, א. אלפּערין, יעקב גלאַטשטיין, ל. שפּיזמאַן, ה. לייוויק ביים מיקראָפאָן.

צום פייערלעכן קבלת־פּנים, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין ווודסטאָק־האָטעל אין ניו־יאָרק, איז געקומען א גרויסער עולם אויסהערן ה. לייוויקס גרוס, זיינע איינדרוקן פון ישראל.

אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר שלמה ביקל, וואָס האָט געהאַלטן דאָס איינלייטונג־וואָרט האָבן באַגריסט לייוויקן צו זיין צוריקקער: אפרים אויערבאך, א. גלאַנץ־לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין און ס. דינגאָל.

צום סוף איז מיט גרויס אויפמערק אויסגעהערט געוואָרן דאָס וואָרט פון ה. לייוויק.

## ביניש זילבערשטיין • געשריי אין דער נאַכט

• פון ניידערשינענעם בוך: „געזאמלטע לידער" •

ווי א שאָטן געגאַנגען בין איך דורך דער נאַכט
מיט צעבליטיקטע פיס — אויף די וועגן צו וועלט —
האָט א פינצטער געשפּענסט אין מיין פּנים געלאַכט
און דעם אָנקום פון לויטערן טאָגליכט פארשטעלט.

ס'האָט מיין אָטעם דערפילט אָט דעם ריח פון מת,
פאַר די אויגן — א תליה צעוויגטע אין ווינט, —
מיין געשריי דאָס דערשטיקטע ווי ס'וואָלט דורך א נס
זיך געריסן אליין צו די וויטקייטן בלינד.

ווען א לעבן ברעכט איין און צעפאַלט אזוי גיך
און ס'צעוויינט זיך א קול: „מע גייט אוים! מע גייט אוים!" —
וועט דען עמעץ דעם גוסס א כאַפּ טון אויף זיך,
ווי א קינד וואָס מע טראָגט פון א ברענענדיק הייז? —



טיק דאָס גאַנצע לעבן זיינס אריינמאָלן
אין אָט דעם מאָמענט.

פון דער אלמנה בינע זילבערשטיינס פאָרוואָרט

ביניש זילבערשטיין איז דערשאָסן געוואָרן אין דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ בעת א רעוואָלט אין 1942. צוזאַמען מיט א גרופּע בעלגי־שע יידן איז ער געווען באַשטימט צו גיין אין גאַז־קאַמער. ער האָט דער ערשטער געכאַפּט א שטיין כּדי צו שלידערן אין איינעם פון זיינע מערדער, און געוואָרפן די איבעריקע יידן נאָכצוטון זיין ביי־שפּיל. אַן עסעסמאַן האָט אים אויפן אָרט דערשאָסן.

פון מלך ראַוויטשס באַגלייטוואָרט צום בוך:

א לעבעדיקער סימבאָל פון זיין אייביקן לוידנס־וועג און אויך א לעבעדיקער סימבאָל פון זיין אייביקן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט פון זיינע לוידן, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען די לוידן פון זיין פאָלק און קלאַס. וועט אַמאָל א יידי־שער מאָלער קומען און מאָלן זילבערשטיינען אין לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, וועט ער גלייכצייו־

# אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער

## חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער און פילם

בוענאָס־איירעס • סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1957 • נומער 9־10 (49־50) • פינפטער יאָרגאַנג

### יובל-אקאדעמיע פון „בונד"

אין דער יובל־אקאדעמיע פון 60 יאָר „בונד" האָבן זיך באַטייליקט: א. מינק, ז. גזשיוואטש, ע. הירזלגאָ, ג. באָרסקי, י. ליפּסקי, רבקה קליניצקי און לעאָן ווייגער, ם. בערנשטיין, י. קורלענדער און אסתר פליישמאַן.

[*] מ. רעגאַלסקי, פובליציסט, מיטאַרבעטער פון „די אידישע צייטונג" איז צוריקגעקומען פון דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים.

[*] נחמיה צוקער איז צוריקגעקומען פון א טור אין צפון־ארגענטינע און אסונסיאָן.

[*] אין קהילה־סאַלאָן איז פאָרגעקומען א מוזיקאַלישער פּראָגראַם געווידמעט דעם 30סטן יאָרצייט פון קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל.

דער באַקאַנטער מוזיקאָלאָג און קאָמפּאָזיטאָר ל. קלאַצקאָן האָט געהאַט דעם ארײַנפיר־רעפעראַט. דער טריאָ און רחל סירקין, האָבן אינטערפּרעטירט יואל ענגעלס שאַפונגען.

### פייערונג פון פאַרלאַג „אונדזער וואָרט"

פאַרלאַג „אונדזער וואָרט" האָט איינגעאָרדנט א דרייפאַכיקע פייערונג: 1) צום דערשיינען פונעם 100סטן נומער, 2) צום ארויסגעבן און דרוק דאָס „ספר פּלמ"ח" און 3) צום דערשיינען פון שמחה סנהס דראַמע „דאָס געשריי אין דער נאַכט".

מיט אחריות און אָן אָפּשלעפּ — באַדייט:

## בייטראָגן מיטן גאַנצן ערנסט און ארבעטן אומדערמידלעך פאַר דער אקציע פון 1957 פון פאַראייניקטן קאַמפּיין


## די יידישע קהילה פון בוענאָס איירעס

פירט אָן א פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט וואָס נעמט ארום אלע געביטן פון אונדזער לעבן

עס איז דער חוב פון אלע אירע מיטגלידער ארויסצוווייזן דעם געהעריקן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון דער קהילה און נאָכקומען זייערע התחייבותן לגבי איר. אויב איר זענט נאָך נישט קיין מיטגליד — פאַרשרייבט זיך באַלד! אויב איר זענט שוין א מיטגליד — העכערט פריווויליק אייער מיטגליד־אָפּצאָל און העלפט מיט אונדזערע קהילה פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישראל. לאָקאַלע הצטרכותן און די ברייטהאַרציקע הילף פון דער

## די יידישע קהילה אין מאָנטעווידעאָ

זאָרגט פאַר די געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע, דערציערישע און רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע הצטרכותן פונעם יידישן ישוב אין אורוגוויי.

עס איז א כבוד און א שטאָלץ צו זיין א מיטגליד פון דער יידישער קהילה.

טיילט מיט אייער אָנשלוס אין די ביוראָען פון דער קהילה. דוראַזנאָ 1118, טעלעפאָן: 86902



CONSEJO CENTRAL SIONISTA DEL URUGUAY

SORIANO 819 P. 1 MONTEVIDEO - URUGUAY

ENTIDAD CENTRAL DEL MOVIMIENTO SIONISTA DEL URUGUAY

REPRESENTACION DE LA AGENCIA JUDIA PARA ISRAEL

Departamentos de: Aliá, Cultura y Educación, Económico e Inversiones, Juventud y Jalutziut, Relaciones Públicas. Moadot Ivrí.


### פון רעדאַקציע:

צוליב טעכנישע סיבות איז נישט אריין אין היינטיקן נומער די רובריק פון צבי ש. לעדער „פון דער יידיש־ענגלישער ביכערוועלט" און א ריי אנדערע מאַטעריאַלן באַשטימטע פאַר דעם נומער. מיר בעטן אנטשולדיקונג ביי די מחברים. זייערע זאַכן וועלן זיין געדרוקט אין די קומענדיקע נומערן.


„און די ערד באַשטייט אויף אייביק"

ניי בוך דערציילונגען פון ש. טענענבוים

זיך ווענדן צום מחבר: SHEA TENENBAUM

45-35 44th St., Long Island City 4, N.Y.

שוין דערשינען דאָס בוך פון יואל זשעלעניעץ

חינוך און המשך

זיך ווענדן צום מחבר:

JOEL ZIELENIEC, Nva. Palmira 1971, Ap. 13

MONTEVIDEO — URUGUAY



RADIO LEON

Long Pley: David Kusevitzky, Sidor Belarsky, Sara Gorbi, Pinjas Borenstein, David Hitzkop, Benzion Witler, MaX Perelman.

¡¡Grandes Novedades de Israel!!

Yafa YARCONI, SHOSHANA DAMARI, YTZJAKI

El más Grande Surtido de Discos Ydishe e Israeli.

Adquiere los en la Casa Especial de Discos.

LAVALLE 2760 T. E. 62-8474 Bs. Aires

# ...י פון ליאַדי

### מיט א פּראָלאָג און עפּילאָג

ר׳ מענדל וויטעבסקער: ער איז אוועקגעפאָרן!

ר׳ מאיר רפאלס: איר ווייסט שוין?

ר׳ איסר: יאָ, מיר ווייסן שוין אַלץ! די מקורבים האָבן געמאכט, אז זיין מאמע זאָל אויף אים נודר זיין בגזירה כיבוד אב. אז ער זאָל אונדז נישט אויפנעמען.

ר׳ משה מייזליש: איר ווייסט שוין דאָס אויך?

ר׳ איסר: מיר ווייסן שוין אַלץ. די בטלנים פון קלויז דאָרטן האָבן שוין אַלץ אויסגעפּלוידערט.

ר׳ מענדל וויטעבסקער: געשלעפּט זיך אין אזא וויטן וועג, אין שונאס לאַנער. (טאָן-ענדערנדיק)

ר׳ שניאור זלמן, דו נעדענקסט די חתונה וואָס ר׳ שלמה קאַרלינער האָט אָפּגעשפּילט אין ליאָזשנע... ווייזט אויס, אז ער איז געווען גערעכט!... ס׳האָט אפשר טאַקע נישט געדאַרפט פאָרן... און איער אָרעמע טאָכטער, דבורה-לאה, וואָלט אפשר נישט געגאַנגען אזוי יונג פון דער וועלט.

דער רבי: ס׳איז נישט געווען בחינם: די וועלט וועט איצט וויסן ווער ס׳וויל שלום און ווער נישט. דער שכל האָט געזאָגט, אז מע דאַרף פאָרן, האָבן מיר אזוי געטון. אויב ס׳איז געוואָרן אַנדערש, איז עס נישט אונדזער שולד... איצט דאַרף מען טראַכטן ווי אזוי זיך ארויסצוקריגן פון דאַנען.

(די פינף בטלנים קומען צוריק ארויס).

1טער בטלן: אָט די דריי ווילנער (ווייזט אָן אויף ר׳ מאיר רפאלס, ר׳ משה מייזליש און ר׳ חנוך-העניך שיק) האָבן כסדר געזאָגט, אז זיי זענען אַנהענגער פון גאון. איצט זענען זיי גאָר מיט דער „כת"! (הויך) פּושעי-ישראל!

2טער בטלן (העכער): עוכרי-ישראל!

3טער בטלן (נאָך העכער): פּושעי-ישראל! עוכרי-ישראל!

ר׳ מאיר רפאלס (שרייט אויס הויך): שווייגט דאָרטן, פּאַטראַנעס! אויב נישט וועל איך אייך די מאָרדעס צעפּאַטשן, שווייגט!

1טער בטלן: פּושעי-ישראל!

ר׳ מאיר רפאלס (וויל צולויפן צו זיי).

ר׳ משה מייזליש (האַלט אים צוריק): ר׳ מאיר, זאָלן זיי שרייען. מיידט אויס א געשלעג ווען דער רבי איז נאָך דאָ. מיר וועלן זיי שוין שפּעטער לערנען דרך-ארץ!

2טער בטלן: איר גייט בעסער צו אייער פּראָצוזקע!

3טער בטלן: ווי הייסט זי דאָרטן, אייער נקבה?

4טער בטלן: ביי טאָג לויפט ער צום רבין און ביינאַכט צו דער נפקא!

ר׳ משה מייזליש (שרייט הויך): שווייגט, בהמות, פּראַ-אָדמס!

5טער בטלן: און אז מיר וועלן נישט שווייגן?!

דער רבי: לאָמיר וואָס גיכער אוועקגיין פון דאַנען!

ר׳ איסר (צו משה מייזליש): איז די שמירה פון יונגע חסידים אין אָרדענונג?

ר׳ משה מייזליש: אַלץ איז על צד היותר טוב.

דער רבי: ר׳ מאיר רפאלס, נעמט איר איצט איבער די קאָמאַנדע און פירט אונדז ארויס פון דאַנען.

## ...ון אויטענטישקייט



מאַרעק האַלטער

פאַרבליבן נאָך אַלץ אסך פאַרבאָרגענע זאַכן. פּונקט ווי ס׳זענען גײַסטיק שטענדיקע זוכענישן אין דער היסטאָריע, אזוי איז אויך גײַסטיק דער מענטש זאָל זוכן נײַע פאָרמען פון אויסדרוק. חן אין ליטעראַטור. חן אין קונסט. אויסדריקן, וואָס זאָלן דערקענטלעכן דעם אינטעלעקט בעסער, פולערי, טיפער אַרײַנדרינגען אין דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום; שטאַרקער פילן דאָס לעבן, איר פרייד, איר פּײַן, איר שיינקייט. בקיצור: לעבן רייכער, פילן טיפער.

ווי ביי אַלע זוכענישן זענען אויך אין קונסט דאָ אַזעלכע וועלכע פאַרבלאָנדזשען זיך; זוכן און געפינען נישט. נאָר עכטע טאַלאַנטן, וועלכע ווייסן וואָס זיי ווילן, גייען אויף זיכערע וועגן. מאַרעק האַלטער איז איינער פון זיי. איך ווייס נישט אויב ער וועט פאַרויס וואָס זײַן פּענדזל וועט אַרויסגעבן, אָבער איך בין איבערצײַגט, אז ער פילט דאָס וואָס ער וויל מאָלן. ווײַל אָן אינערלעכן געפיל באַהערשט זײַנע שאַפונגען, ווײַל מאַרעק מאָלט נישט קיין פאַרבן נאָר שטימונג. זײַנע צייכענונגען זענען זײַנע בילדער מער טרוימעריש ווי בילדעריש.

און ווײַל זיי זענען שטימונגספולע, זענען זיי שטענדיקע מיט זייערע טונקעלע פאַרבן. ס׳האָט זיך, אז דער קינסטלער מוידט בכיוון אויס שרייען"

דיקע קאָלירן ווײַל ער וויל זיך נישט אָפּרייסן פון דער גרויסער ווירקלעכקייט ווי גראָד אין איר ליגן אוצרות פון געפילן, וועלכע ער ערן זיך פון איין בילד צום צווייטן, בלײַבן אָבער שטענדיק אויטענטיש. דער „קאַנאַל פון סען מאַרטען" אָטעמט ביי האַלטערן מיט דער טיפישער אַטמאָספער פון די פּאַריזער אַבריק-קוואַרטאַלן. „קאַנקאַל", דער פראַנצויזישער דאָרף ביי לבנת-שיין, איז ביי אים איינגעהילט אין דער טעמפּערישער פראַנצויזי-שער זיסער נאַכט-אינטימקייט. מיר וועלן נישט אורטיילן איבער דער אויטענטישקייט פון די פּייזאַזשן און פּאָרטרעטן וועלכע מאַרעק האָט מיטגע-בראַכט פון אַרגענטינע. מיר קענען נאָר פעסטשטעלן, אַז מע פילט אין זיי אַנדערע שטימונגען, אַן אַנדער אַטמאָספער; שטימונגען און אַטמאָספער וועל-כע באַווײַזן אונדזער פאַרשטעלונג וועגן די דאָ-זיקע מקומות. דער פאַקט וואָס זיי זענען געמאָלט דורך דעם זעלביקן קינסטלער און זענען דאָך אַזוי אַנדערש, באַשטעטיקן דעם איינדרוק פון טיפער

אויטענטישקייט אין דער שאַפונג פון מאַרעק האַל-טער.



א גאַנדז [illegible] — מאַרעק האַלטער

## אברהם לעוו

גבעת השלשה

# דריי לידער



### רויזן

איך פרעג:
— מײַן קינד, וואָס זעסטו דאָרטן?
— דער שכן וועסערט אין זײַן גאָרטן,
באַגיסט די רויזן, כריזאַנטעמען.
די רויזן, טאַטע, שמעקן גוט...
— מע קאָן אָבער, מײַן קינד, ביז בלוט
מיט זיי זיך אָפּט צעשטעכן...
ער איז געבליבן אַן אומעטיקער שטיין.
(אַמאָל קאָן אויך א וואָרט פאַרשטעמען
און צעברעכן ביז געווײַן.)

### ביימער

באַנעם דעם זין,
דערשפּיר
די קראַפט
פון בוים וואָס גרינט
אַנטקעגן דיר
און קלעטערט,
שפּאַרט מיט זאַפט,
מיט בלעטער
טונקעלע, ווי רויזן —
רײַסט זיך צו די הייכן.

### פאַרשטיי אַליין

פאַרשטיי אַליין
און וויש פון האַרץ אַראָפּ
די קלעמונג;
ווײַל נאַריש, גראָב, נישט שיין
איז היינט געווען דײַן
קינדערשע באַנעמונג.

איך האָב צו דיר
געהאַט די אײדלסטע געפילן,
און דו צו מיר...
דאָס פלאַמענדיקסטע האַרץ
קאָן עס פאַרקילן.

...ם וביתֿ ילדים אין די היימען פון בורסאַקאַ, א טאָג פון פאַרווײַלונג אונטערן פרייען הימל
Pullmans directos hasta y desde los hogares. —Reserve su asiento numerado en Y...

# נייער פאַרלאַג „באַנייאונג" אין בוענאָס־איירעס גיט אַרויס 5 בענד געקליבענע שריפטן פון י. ל. פרץ

אין בוענאָס־איירעס איז געשאַפן געוואָרן א נ י י ע ר פאַרלאַג „באַנייאונג", וואָס ווערט אָנגעפירט פון וואָלף ברעסלער און יעקב מושקאַט. דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצוגעבן ווערק, וואָס זענען מער נישטא בנימצא אויפן יידישן ביכערמאַרק. ווי אַן אָנהייב גרייטער צו 5 בענד פון י. ל. פרץ, מיט קאָמענטאַרן—יעקב באָטאָשאַנסקי, אילוסטראַציעס—יאָסל בערגנער און אויסטייטש פון שמשון דונסקי.

צום אריינגעבן פרצעס ווערק אין דרוק איז פאָרגעקומען אין בני ברית א פרעסע־קאָנפערענץ אויף וועלכער ס'האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וואָלף ברעסלער, יעקב מושקאַט, דר. אברהם מבשן און מיכאל גריוווער.



פון רעכטס: מיכל גריוווער, וואָלף ברעסלער, ד"ר אברהם מיבשן און יעקב מושקאַט

די דרוקעריי „קולטור" פון יעקב מושקאַט און יוחנן זאַס־לאַווסקי, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט איר ערנסטן צוגאַנג צו יידישע דרוק־אַר־בעט, איז די בעסטע גאַראַנ־טיע פאַרן דערפאָלג פון דער נייער וויכטיקער קולטור־אונ־טערנעמונג, וואָס וועט קודם־כל באַרייכערן די יידישע שול מיט אינטערעסאַנטן און נוצי־קן לערן־מאַט עריאַל.

ס'איז כדאי צו ברענגען כאָטש עטלעכע אויסצוגן פון די אָנגעקומענע באַגריסונג־בריוו און אָפּרופן פון יידישע שרייבער, שול־ און קולטור־טוער, וואָס ווייזן אויף דער נייטיקייט פון נייעם פאַרלאַג, וואָס פאַרפילט אַ בלויז אין יידישן פאַרלאַגס־וועזן דאַ און אויף דער גאַנצער יידישער וועלט:

„ייוואָ", ניו־יאָרק: מיר באַגריסן אייך און ווינטשן הצלחה אין אייער וויכטיקער אונטערנעמונג.

דינה אבראַמאָוויטש—מ"מ ביבליאָטעקאַר.

„אַרבעטער רינג", ניו־יאָרק: די אויסגאַבע וועט זיין אַ נוצלעכע נישט נאָר פאַר די שולן, נאָר באַזונ־ער פאַרן ברייטן עולם. עס וועט זיין עפּעס נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר ווינטשן אייך אַ סך הצלחה.

ז. יעפּרויקין, בילדונג־דירעקטאָר.

לייבוש לערער, ניו־יאָרק:

איך קען זיך ממש זאָט נישט אָנקוקן פונעם פּראָספּעקט; אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פונעם ניצלעכן מיטן שיינעם. איך האָב בלויז לויבווערטער פאַרן כאַראַקטער, פּלאַן און געוואַגטקייט פון דער דרייפאַכיקער פאַ־רעם פון דער אונטערנעמונג.

פאַרלאַג „דער קוואַל", ניו־יאָרק:

איך בין פול מיט באַגייסטערונג פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ס'איז אַ גרויסער אויפטו, זאָלן געבענטשט זיין די אַלע וואָס האָבן אין דעם אַ חלק. איך ווינטש אייך גרויס דערפאָלג אין אייער אַרבעט־ און עבודת־מצווה אין פולן זין פון וואָרט.

ישראל לאַנדאָן.



אויף דער זשורנאַליסטן־מסיבה פון פאַרלאַג „באַנייונג"

---

## דאַכדעקונג פון מיטלשול ביי „צווישאַ"

מיט גרויס פייערלעכקייט איז פאָרגעקומען דאָס דעקן דעם דאַך פון דער מיטלשול ביי דער צווישאַ. צו דער פייערונג זענען אָנגעקומען באַ־גריסונגען פון דער גאַנצער יידישער וועלט. מיט רעדעס זענען אַרויסגעט־רעטן: אשר בראָקאָס, פאָרזיצער פון דער בוי־קאָמיסיע; ד"ר יונה קאָוועני־סקי, פאָרזיצער פון „צווישאַ"; ד"ר משה אבידן, מיניסטער־ראַטגעבער פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע; ד"ר אברהם מיבשן, אין נאָמען פון דער קהילה; פּראָפ' צוויק פון בילדונגראַט; ד"ר ניר־ראַפאַלקעס, גאַסט פון ישראל; חיים פינקעלשטיין, ריר' פון דער שלום־עליכם־שול. און ביים קאָלעק־טיון מיטאָג: ד"ר ל. זשיטניצקי און ד"ר ראול נאָוויק. זלמן הירש־פעלד האָט אויסגעפילט דעם אַרטיס־טישן פּראָגראַם.

## פייערונג פון לייגן גרונטשטיין פון „יידישלאַנד"

אין ראַדריגעז איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון גרונטשטיין לייגן פון דער קינדער־קאָלאָניע „יידיש־לאַנד" ביי דער געז. פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן און פרץ־שול. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: יקו־תיאל בערנשטיין, שלמה ציטרין, פאָרזיצער פון בוי־קאָמיטעט; דער פאָרשטייער פון דער מאַכט אין ראָ־דריגעז מעניפּעס, וויצע־פאָרזיצער פון דער קהילה ד"ר ב. לערנער, פאָרזי־צער פון דער יידישער פאָלקסבאַנק גרעגאָריאָ ווערטהיים, יוסף האָרן, יהושע רוזאל און ביגלמייער.

## 40 יאָר רוסישע רעוואָלוציע

אויפן אָוונט פון „בונד" אין קהילה־זאַל וועגן 40 יאָר רוסישע רעוואָלוציע זענען אַרויסגעטרעטן: מ. בערנשטיין, י. האָרן, א. זאַק, א. מינץ, מ. קנאַפּהיים, י. ליפּסקי האָט געלייענט לידער פון: האָפשטיין, פע־פער, קולבאַק און בראַ ערזאָן.

[*] דער נייער ראש־הקהל אלימלך גוסקין האָט איבערגענומען דעם אַמט אין דער קהילה. אין דער פייערונג האָט זיך אויך באַטייליקט דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר ד"ר אריה ל. קו־באָווי.

[*] צום דערשיינען פון ש. עמינ־גערס בוך „אויסגעקליבענע שריפטן" האָט דער קולטור־קאָנגרעס דורכגע־פירט אַן אָוונט מיט אַ פאָרטראָג פון ש. ראָזשאַנסקי און עפענונג־וואָרט פון י. פּאַלאַטיצקי.

## נח קאַצאָוויטש־פאָנד פאַר יונגע פאָרשערס ביים ייוואָ

דער געזעלש. טוער נח קאַצאָוויטש האָט איינגעשטעלט אַ פאָנד פאַר יונגע פאָרשערס ביים ייוואָ. דער פאָנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אַ פייער־לעכן אָוונט ביים ייוואָ.

## קונסט־אויסשטעלונג פון משה פייגענבלום ע"ה

צו די שלושים פון משה פייגענ־בלום האָט דער ייוואָ איינגעאָרדנט אין מינקאָווסקי־מוזיי אַן אויסשטע־לונג פון זיינע בילדער, קונסט־אויס־אַרבעטונגען און צעראַמיק, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אַמאָליקן שטייגער אין דער אַלטער היים, פון וואַנען דער אומגעקומענער יידישער מאָלער האָט געשעפּט אינספּיראַציע פאַר זיין קינסטלערישן שאַפן.



# אין דער יידישער קולטורוועלט

ספעציעלע ביילאגע פון קולטור-דעפארטאמענט ביים יידישן וועלט קאנגרעס

בוענאס-איירעס | נומער 17 | סעפטעמבער-אקטאבער 1957


# וויכטיקע דערקלערונג פון ד"ר נחום גאלדמאן וועגן די באציונגען צווישן ישראל און ראטנפארבאנד

## פרעזידענט פון יידישן וועלטקאנגרעס איז גרייט צו באזוכן מאסקווע אויב מע וועט אים געבן א מעגלעכקייט צו באהאנדלען אלזייטיק די יידישע פראגע און די באציונגען מיט ישראל

נאך זיין צוריקקער קיין ניו-יארק פון א לענגערן באזוך אין ישראל האט ד"ר נחום גאלדמאן, פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט-ארגאניזאציע און פון יידישן וועלטקאנגרעס, געמאכט אן עפנטלעכע דערקלערונג, אין וועלכער ער האט געווארנט בנוגע דער וואקסנדיקער סאוויעטישער פיינטלעכקייט לגבי ישראל. ער האט אבער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז די דאזיקע פיינטלעכקייט גייט נישט ביז צו א באשלוס, אז ישראל דארף פארשווינדן ווערן פונעם נאענטן מיזרח. ער האט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אז ישראל דארף און קאן אנעמען שריט אויף צו דערגרייכן א מילדערונג אין דער שפאנונג אויפן נאענטן מיזרח און אויף צו פארבעסערן די סאוויעטיש-ישראלישע באציונגען.

ד"ר גאלדמאן האט אויך באשטעטיקט די ידיעות וועגן א גאנצער ריי געשפרעכן וואס ער האט אפגעהאלטן מיטן סאוויעטישן אמבאסאדאר אין ישראל, אויף דער איניציאטיוו פונעם אמבאסאדאר, בנוגע דער לאגע פון די יידן אין ראטנפארבאנד און וועגן דעם מעגלעכן באזוך פונעם ד"ר גאלדמאן אין מאסקווע, אויף צו דיסקוטירן דעם ענין מיט די סאוויעטישע באהערדן. ער האט געזאגט, אז עס איז נישט אנגענומען געווארן קיין שום באשלוס, אבער ער וואלט גרייט געווען צו מאכן די רייזע, ווי דער פרעזידענט פונעם יידישן וועלט-קאנגרעס, ווען מע זאל אים געבן פארזיכערונגען צו האבן געשפרעכן פון הויכן ניווא, ד"ה, מיט די פאראנטווארטלעכע פירער פון דער סאוויעטישער פאליטיק.

אין זיין דערקלערונג האט זיך ד"ר גאלדמאן ארויסגעזאגט, אז „ער האט נישט קיין האפענונגען בנוגע דער איסוואנדערונג פון יידן פונעם ראטנפארבאנד אין דער נאענטער צוקונפט. אזא עמיגראציע וואלט יא געווען מעגלעך, ווען די שפאנונג אויפן נאענטן מיזרח וואלט קלענער געווארן און די סאוויעטישע פיינטלעכקייט לגבי ישראל וואלט שוואכער געווארן.

אויף א פרעסע-קאנפערענץ גלייך נאך זיין צוריקקום קיין ניו-יארק האט ד"ר גאלדמאן דערקלערט, אז „דער קאנפליקט צווישן מיזרח און מערב האט פארשארפט די שפאנונג אויפן נאענטן מיזרח און דערמוטיקט די אראבישע עקסטרעמיסטן". די קאנקורענץ צווישן די צוויי בלאקן פון די גרויסע — האט ד"ר גאלדמאן אנגעוויזן — שאפט „א פערמאמענטע שפאנונג און אומסטאבילקייט אויפן נאענטן אריענט. ס'זעט נישט אויס צו זיין קיין סכנה פון באלדיקן באוואפנטן קאנפליקט, פונדעסטוועגן איז די לאגע „אנגעלאדן מיט פאליטישע און מיליטערישע געפארן".

דער אראביש-ישראלישער קאנפליקט — האט גאלדמאן ווייטער אנגעוויזן — איז געשטעלט אין שאטן דורך דער „מוראדיקער קאנקורענץ" צווישן די צוויי בלאקן, און האט אונטערגעשטראכן אז דער ראטנפארבאנד האט זיך גוט פארפעסטיקט פאר די לעצטע צוויי יאר אין דער זאנע. עס זענען פאראן זייער ווייניק אויסזיכטן ארויסצושטויסן אים אינגאנצן פון זיינע פאזיציעס, און די קאנסעקווענץ איז די צעבושעוועטע זוכעניש פון נייע מאכט-פאזיציעס מיט קאטאסטראפאלע קאנסעקווענצן פאר דער זאנע בכלל און פאר ישראל בפרט".

בעת זיין באזוך אין ישראל — האט ד"ר גאלדמאן געזאגט — האט ער אפגעהאלטן קאנפערענצן מיט די פארשטייער פון עטלעכע פאליטישע פארטייען וואס האבן געבעטן זיין מיינונג וועגן דער סיטואציע און אז ער האט אונטערגעשטראכן זיין מיינונג וועגן דער נויטיקייט פאר ישראל צו דערגרייכן א נאכלאזונג פון דער רוסישער פיינטלעכקייט. צווישן די שריט וואס ישראל וואלט געקאנט אנעמען, האט ער געזאגט, איז געבן איר שטיצע פאר אן עמבארגא פון וואפן אויפן נאענטן מיזרח.



ד"ר נחום גאלדמאן

אין זיין עקספאזע האט ד"ר גאלדמאן דערקלערט, אז די יידישע אגענץ האט אנגענומען א פראגראם פון איינוואנדערונג פון 26 טויזנט פערזאן אין די קומענדיקע זעקס חדשים, פארטיילט אויף אזא אופן: 15 טויזנט יידן פון מיזרח-איראפע, פיר טויזנט פון עגיפטן און דער רעשט פון אנדערע לענדער.

בנוגע די יידן פון מיזרח-איראפע — האט צום סוף געזאגט ד"ר גאלדמאן — איז נישטא קיין קוואטע און אז ס'וועלן געבראכט ווערן די אימיגראנטן וואס קאנען פארלאזן די דאזיקע לענדער. און ס'וועט אויך נישט זיין קיין באגרענעצונגען בנוגע די יידן פון עגיפטן.

אין דער צווייטער העלפט פון יאנואר וועט ד"ר נחום גאלדמאן פרעזידירן די פלענארע סעסיע פונעם דירעקטאריום פון דער קאנפערענץ פון די דייטשע אנטשעדיקונגען, וואס וועט אפגעהאלטן ווערן אין רוים.

אונטער זיין פארזיץ וועט דאן פארקומען די ערשטע סעסיע פון די פארשטייער פון זיבן יידישע צענטראלע קערפערשאפטן, וואס וועלן באהאנדלען די פראגע פון דער קאארדינירונג פון דער יידישער פאליטישער טעטיקייט אין וועלט-מאסשטאב.

אין ביידע וויכטיקע בעראטונגען וועלן זיך באטייליקן פארשטייער פונעם ארגענטינער יידישן ישוב וואס וועלן באשטימט ווערן דורך דער „דאיא".

# חיים עהרענרייך • פּלענער פון פאַרבאַנד פון יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע

ניו־יאָרק

אַז מע געפינט זיך אין קאָפּענהאַגן, איז עס אַ „מוז" זיך צו טרעפן מיט ד"ר רפאל עדעלמאַן, הויפּט פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק און פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע. די צענטראַל־ביוראָ פון אָט דעם פאַרבאַנד געפינט זיך טאַקע אין קאָפּענהאַגן, און איר לייטער איז ד"ר עדעלמאַן.

איך האָב מורא, אַז דער דורכשניטלעכער ייד אין אַמעריקע האָט ווייניק ידיעות און אפשר נאָך ווייניקער אינטערעס אינעם ענין פון יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע. איבערהויפּט אין מיזרח־אייראָפּע, איז די יידישע ביבליאָטעק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען איינע פון די קולטור־פעסטונגען פון יידישן פאָלקסלעבן. יעדע שטאָט און שטעטל האָט פאַרמאָגט פאָלקס־ביבליאָטעקן, זיך באַרימט מיט דער גרויסער צאָל ביכער — יודאַיקאַ און העבראַיקאַ — און האָט שטאָלצירט מיט דער גרויס פון דער באַזוכערשאַפט און לייענערשאַפט. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט, פאַרשטייט זיך, געבראַכט חורבן און פאַרניכטונג דער קולטורוועלט פון אייראָפּע. דער היטלער־מחבל האָט נישט נאָר פאַרברענט יידישע לייבער, יידישע לעבנס. ער האָט פּונקט אַזוי געריסן און געברענט יידישע ספרים, ביכער, מאַנוסקריפּטן, פאַרמעטן... זייער ווייניק יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע האָבן אויסגעמיטן די פאַרניכטונג.

איינע פון אָט די מזלדיקע איז די רייכע יידישע ביכערזאַמלונג אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגן. די דענער וואָס האָבן מיט אַזאַ אייפער אָפּגעראַטעוועט זייער יידישע געמיינדע מיט זעקס טויזנט נפשות, האָבן אויך אָפּגעהיט איר יידישע ביבליאָטעק, אַן אוצר פון אַרום פופציק טויזנט ספרים, איינשליסנדיק 400 כתב־ידן, איבער 50 העברעישע יקר־המציאותן פון איבער זעקס הונדערט יאָר צוריק, און ערך 900 העברעישע שריפטן פון זעכצנטן יאָרהונדערט — אוצרות וואָס וואָלטן אויף שטענדיק געגאַנגען לאיבוד ווען זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

ווי דורך אַ נס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן יידישע ביבליאָטעקן אין אַמסטערדאַם, אין פּאַריז, אין יוגאָסלאַוויע, אין לאָנדאָן, וווּ דער בליצקריג פון דער לופט האָט אַ סך אינסטיטוציעס באַשעדיקט. זייער צושטאַנד נאָך דער מלחמה איז אָבער געווען אַ קלאָגעדיקער. אומאָרדענונג, פאַרוואָרלאָזטקייט, עלנט. ביסלעכווייז האָבן די צוריקגעקומענע יידן גענומען צוריק אויפשטעלן חרוב־געוואָרענע היימען. די יידן פון אַמעריקע האָבן זיך אָפּגערופן, ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אויפגעעפנטע הערצער און הענט. פאַרגעסן און פאַרנאַכלעסיקט איז געבליבן די היים פון יידישן בוך — די ביבליאָטעק. ס'האָבן אין איר געפעלט קאַטאַלאָגן. ס'האָט געפעלט סדר, ס'האָבן געפעלט ביבליאָטעקאַרן — פולער חורבן.

ווען ד"ר עדעלמאַן איז אין 1945 צוריקגעקומען פון שוועדן קיין קאָפּענהאַגן און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער גרויסער שאַץ פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק איז איינגעהיט געוואָרן, אַז די באַזונדערע קליינע ביבליאָטעקן פון דער יידישער געמיינדע, פון דאָרטיקן „הזמיר" און אפילו פון פּריוואַטע היימען, זענען פון די קריסטלעכע שכנים אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין קעלערן (ספרי־תורהס זענען געווען באַהאַלטן אין קלויסטערס) — און זיי זענען אַלע צוריקגעגעבן געוואָרן זייערע יידישע אייגנטימער — האָט אים אַ גרויסע פרייד אַרומגענומען, אָבער נישט אויף לאַנג. ס'האָבן באַלד גענומען קומען ידיעות פונעם גרויסן חורבן אין אַנדערע צענטערס.

דעמאָלט איז עס ביי אים געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון די פאַרבליבענע יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע. ער האָט זיך דורכגערעדט מיטן הויפּט־דירעקטאָר פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק און יענער האָט באַגריסט דעם פּלאַן: „עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָדן, ווען אַזאַ קולטור ווי די יידישע זאָל אונטערגיין". און ער האָט געגעבן ד"ר עדעלמאַנען פרייע הענט — טון וואָס ס'איז נייטיק — שטעלן די אוצרות מיט יודאַיקאַ און העבראַיקאַ פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק צום דינסט פון קולטורעלן יידישן אויפבוי אין אייראָפּע. דער פּלאַן איז געווען אויפצושטעלן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט אין אייראָפּע פאַר די יידישע ביבליאָטעקן, אַרויסגייענדיק פונעם געדאַנק, אַז די ביבליאָטעק האָט איצט אַ פיל גרעסערע באַטייטונג אַלס דערציִונג־פאַקטאָר, ווי פאַר דער מלחמה. אַלע קולטורפעלקער האָבן דעם פאַקט אָנערקענט. און זיי גיבן אויס אַלץ גרעסערע סומעס פאַרן אויפבוי פון ביבליאָטעקן.

ס'איז איין זאַך צו האָבן אַ געדאַנק, אַ פּלאַן און גאָר אַן אַנדער זאַך אים צו פאַרווירקלעכן. אין ערך 10 יאָר האָט ד"ר עדעלמאַן געקלאַפּט אין טירן מיט זיין פּראָיעקט. ביז ענדלעך, נאָך דער שאַפונג פון דער „קליימס"־קאָנפערענץ, איז אים געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. די קאָנפערענץ האָט באַוויליקט אַ סומע געלט אויף צוזאַמענצורופן אַ קאָנגרעס פון יידישע ביבליאָטעקאַרן אין אייראָפּע. סוף אַפּריל, 1955, איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַזאַ צוזאַמענפאָר. ס'האָבן זיך באַטייליקט אין אים פאָרשטייער פון אַלע יידישע ביבליאָטעקן וואָס האָבן עקזיסטירט אין אייראָפּע, פאָרשטייער פון אַ צאָל רעגירונג־ביבליאָטעקן, ווי אויך אַ פאָרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער־ און אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען דעלעגאַטן פון דער קולטור־געמיינדע־ביבליאָטעק אין ציריך, פון דער „מאָזאַיסקאַ" אין שטאָקהאָלם, פון יידישן קאָלעדזש און פון דער ווינער ביבליאָטעק אין לאָנדאָן, פון דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין אַמסטערדאַם, פון דריי ביבליאָטעקן — „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל", „יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער" און „מעדעם־ביבליאָטעק" — אין פּאַריז, פונעם פאַרבאַנד פון יידישע געמיינדעס אין יוגאָסלאַוויע. שפּעטער האָט אין דעם פאַרבאַנד זיך אויך אָנגעשלאָסן די ביבליאָטעק פונעם „לאַנדעס־ראַבינער־סעמינאַר" אין בודאַפּעשט.

דער צוועק פון פאַרבאַנד איז, קודם־כּל, צו העלפן די באַזונדערע יידישע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע, ברענגען נייערע זאַמלונגען אין אָרדענונג און שאַפן גוטע קאַטאַלאָגן, כּדי מע זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט די ביכער. מע דאַרף אין זינען האָבן, אַז דער מצב פון די יידישע ביבליאָטעקן איז אַ גאַנץ מיזעראַבלער, ס'הערשט אַ מאַנגל אין ביכער. בלויז איינציקע פון זיי האָבן אַ פאָרטיקן קאַטאַלאָג פון די ביכער וואָס זיי האָבן יאָ.

דער פאַרבאַנד וויל — און מוז — אויסבילדן ביבליאָטעקאַרן, וואָס זאָלן העלפן אין דער נישט־גרינגער אַרבעט פון ברענגען די ביבליאָטעקן אין דער אָרדענונג פון אַ מאָדערנער בובליאָטעק.

די צווייטע גרויסע אויפגאַבע, וואָס דער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט, איז די שאַפונג פון אַ צענטראַלן קאַטאַלאָג פון יודאַיקאַ און העבראַיקאַ אין אייראָפּע. אויף דעם אופן וועלן די באַזונדערע ביבליאָטעקן דערגאַנצן איינע די אַנדערע, און די ביכער וואָס זיי פאַרמאָגן וועלן קאָנען בעסער אויסגענוצט ווערן וווּ מע דאַרף זיי. אויב, צום ביישפּיל, אַ ייד אין ציריך דאַרף אַ געוויסן בוך וואָס געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג אין קאָפּענהאַגן, וועט אַזאַ צענטראַלער קאַטאַלאָג אים באַהילפיק זיין. ס'וועלן אויסגעטוישט ווערן ספּעציעלע ביבליאָגראַפישע רשימות איבער פאַרשידענע געביטן, ווי צום ביישפּיל, צייטשריפטן אין פאַרשידענע שפּראַכן.

דער פאַרבאַנד וועט אויך איינפירן אַ סיסטעם פון אויסטויש דובליקאַטן צווישן די פאַרשידענע ביבליאָטעקן, אויסטוישן אינפאָרמאַציע — העלפן די ביבליאָטעקן אויסצובויען גוטע ביכערזאַמלונגען. ער וועט שטרעבן צו מאַכן דעם יידישן עולם „ביבליאָטעק־באַוווּסטזיניק", כּדי ער זאָל ווידער אָפּשאַצן און ליב באַקומען דאָס יידישע בוך. צו דעם וועט ער זוכן צו שטעלן דעם יידישן ביבליאָטעקאַר אויף אַ העכערער מדרגה אין עפנטלעכן קולטורעלן יידישן לעבן, ווי אַ דערציער און פאַרשפּרייטער פון יידישער קולטור.

